בס"ד

מקץ חנוכה תשפ"ו

גליון 264

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זָאלְט איר מודיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### איין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּי'ן

לָאמיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז אִין גַאר אַ וַוייטֶער לַאנְד, אִיז פַארהַאן אַ מֶעכְטִיגֶער קֶענִיג, וֶועלְכֶער פַארְמָאגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, כֹּחַ און כָּבוֹד. אויף דער צְוֵוייטֶער זַייט וֶועלְט וואוינְט אַ קְלֵיין פָאלְק, זֵיי פַארְמָאגְן אַ קְלֵיין לֶענְדְל, און פִירְן זִיךְ בַּאשֵׁיידְן מִיט זֵייעֶרע מִנְהָגִים.



אֵיין טָאג קוּמְט צוּ גֵיין דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין גַאנְצֶער מִילִיטֶער וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן מִילְיָאנֶען סָאלְדַאטְן, זֵיי ווילְן אַיינְפִירְן אַז אִין דֶעם קְלֵיין לֶענְדְל זָאל מֶען זִיךְ אָנְהֵייבְן פִירְן מִיט דִי זֶעלְבֶע מִנְהָגִים פוּן דֶעם גְרוֹיסְן קֶענִיג'ס קֶענִיגְרֵייךְ. עֶס לֵייגְט זִיךְ אוֹיפְן שֵׂכֶל אַזַא גֶעשֶׁעעֶנִישׁ??

פַאר מֶער פוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צַדִיקִים און עֶרְלִיכֶע אִידְן, וועלְכֶע הָאבְן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה און מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְווֹת. אֵיין טָאג קוּמְט אַרוֹיס אַ גֶעזֶעץ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גְרִיכִישְׁן קֶענִיג, אַז פוּן הַיינְט און וַוייטֶער טָאר מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה, הִיטְן שַׁבָּת און מַאכְן אַ בְּרִית. זֵיי הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן אִיבֶּערְרֶעדְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַלֶע סָארְטְן סְבָרוֹת, אַז תּוֹרָה און מִצְווֹת אִיז נִישְׁט חָשׁוּב, נָאר עוֹלָם הַזֶה מִיט אִירֶע תַּאֲווֹת און דִמְיוֹנוֹת און אַלֶע מְשׁוּגַע'תְן אִיז וֶוערְד און גֶעשְׁמַאק און דֶער צִיל אוֹיף דֶער וֶועלְט דַארְף זַיין הֲנָאָה צוּ הָאבְן, מֶען זָאל נָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אֵיין טָאג פְלִיעֶן אַלֶע תַּאֲווֹת אַוֶועק ווי אַ זֵייפְן בְּלָאז.

"וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם נַייעֶם גֶעזֶעץ, וֶועט מֶען הַרְגֶ'נֶען!", הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן אִין נָאמֶען פוּנֶעם קֶענִיג פוּן יָוָן.

לֵיידֶער הָאבְן אַסַאךְ אִידְן פַארְקְרָאכְן און זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן פִירְן אַזוֹי ווי דִי יְוָונִים, אַ טֵייל אִידְן הָאבְן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי יְוָונִים, אַ טֵייל הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן נָאכְגֵיין דִי תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט, וַוייל זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס בַּאפֶעל "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ!", זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן מִתְיַוְונִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶער "כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַארְלָאזְט נִישְׁט קֵיינְמָאל זַיין פָאלְק, און וֶוען מֶען שְׁרֵייט צוּ אִים, מַאכְט עֶר מֶעכְטִיגֶע וואוּנְדֶער.

אַזוֹי הָאבְן דִי אֵיינְצִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִיקִים און תְּמִימִים גֶעווִינֶען דִי מִלְחָמָה קֶעגְן אַ מִילִיטֶער

פון מיליאָנען סאָלדאַטן מיט שטאַרקע געווער. געלערנטע גענעראַלן זענען געפאַלן ווי פליגן קעגן דאָס ביסל רעשטע אידעלעך. מען האָט געזען קלאָר מיט אויגן אַז "אֵלֶּה בָרֶכֶב וְאֵלֶּה בַסּוּסִים וַאֲנַחְנוּ בְּשֵׁם ה' אֱלֹקֵינוּ נַזְכִּיר".

הײַנטיגע צײַטן אויך ווען מַלְכוּת יָוָן שטאַרקט זיך מיט חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת און תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה, און דער עִיקָר די קְלִיפָּה פון עַצְבוּת און טרויער. זיי זענען זיך מִתְגַּבֵּר אויף יעדן איינעם פון אונז, לײַדער האָבן זיך אַסאַך אידן מְיַיאֵשׁ געווען און אַראָפּגעפאַלן אין נישט גוטע פלעצער.

אָבער אַזוי ווי בַּיָּמִים הָהֵם איז אויך בַּזְּמַן הַזֶּה "וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים". אין יעדן דור איז פאַראַן גרויסע צַדִּיקִים וואָס דורך זייער כֹּחַ הַקְּדוּשָּׁה, מיט זייער כֹּחַ הַתְּפִלָּה טוען זיי אונטערדריקן די קְלִיפָּה פון יָוָן. אין אונזער דור האָט דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רַחֲמָנוּת געשיקט אַ גרויסן רבי'ן, אַ מַנְהִיג רַחְמָן, וואָס מיט זיין גרויס רַחֲמָנוּת האָט דער רבי מְגַלֶּה געווען לעכטיגע עצות, גרינגע וועגן מיר זאָלן קענען בײַשטיין קעגן די גרויסע קְלִיפּוֹת, ווײַל "אַבִּיסל ליכט פאַרטרייבט גאָר אַסאַך חֹשֶׁךְ".

ר' נָתָן פאַר זיין פְּטִירָה האָט געזאָגט: "עס גייט זיך מִתְגַּבֵּר זיין טרייף פָּסוּל, אויף אַ שרעקליכן אוֹפֶן, - דאָס מיינט אַז די סִטְרָא אַחֲרָא גייט זיך פאַרשפרייטן אויף די לענדער און אויף די ברייט אויף יעדן איד באַזונדער – נאָר איך האָב אַז איין בלעטל פון רבי'ן, אַ טראָפּעלע שֶׁמֶן זַיִת וועט זיין אַ תִּיקוּן אויף אַלסדינג".

טײַערע קינדער, לעכטיגע קינדער! לאָמיר זיך באַנײַען מיט'ן רבי'נס עצות און גוט דערהערן אַז קיין יאוש איז נישט פאַראַנען, "תּוֹרָה און מִצְוֹת איז יאָ, מען קען דאָס באַקומען, עוֹלָם הַזֶּה איז נישט, מען קען דאָס נישט באַקומען". בְּקָרוֹב וועלן מיר זוֹכֶה זיין צו די גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה, וואָס די טעג פון חֲנוּכָּה איז 'הֲכָנָה פון לְשׁוֹן חִנּוּךְ, הֶרְגֵּל' – זיך איינגעוואוינען צו די גְאוּלָה וואָס גייט שוין כִּמְעַט נִתְגַּלָּה ווערן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן

**דער רבי לערנט אונז אז וויפיל א מענטש בעט פון באשעפער 'סלח נא' אין טאג פון יום כיפור, אזוי איז ער זוכה צו פילן מער די הייליגקייט פון חנוכה.**

**וויפל מאל קענסטו געפינען די ווערטער "סלח נא" אין דעם קעסטל?**

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ס | ל | א | ס | נ | ס | ס | ס |
| ס | ל | ח | נ | א | ל | ל | ל | ל |
| ל | ח | ח | ס | א | ס | ח | ח | ח |
| א | נ | ס | נ | א | א | נ | נ | נ |
| ס | א | ח | נ | א | נ | א | א | א |
| ס | ל | ח | נ | א | ח | נ | ח | ס |
| ס | ל | ח | ל | א | ל | ח | נ | א |
| ס | ל | ח | נ | א | ס | ל | ל | נ |
| ס | ל | ח | נ | א | ח | ס | ס | א |






**א ווארימע תפילה אויף חנוכה.** העלף מיר טאטע צו מקיים זיין די מצוה פון חנוכה ליכט ווי עס דארף צו זיין, מיט אלע פרטים און דיקדוקים און כוונת. און צו מקיים זיין אלע מצות פון חנוכה מיט א גרויס שמחה, דיר צו דאנקן און לויבן און דיר בענטשן, זאגן גאנץ הלל מיט גרויס פרייד און התעוררות מיט גרויס קדושה און טהרה. און זוכה זיין צו ממשיך זיין באמת אלעמאל אויף אונז די שעשועים פון עולם הבא, וואס דאס מיינט דאנקן צו דיין גרויסן נאמען, בפרט אין ימי חנוכה.

(ליקוטי תפלות ב' תנינא)

# אַ שַׁיין פוּן הָאפֶענוּנג

המשך פון זייט 16

בַּעַל-פֶּה, אוּן וֶועמֶען בַּאגֶעגְנְט עֶר אִין דִי פַּארְק קַייעֶנְדִיג פָּאפִּיטֶעס? נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶער וִוי זַיין חַבֶר שָׁאוּל. וֶוער וָואלְט זִיךְ עֶס גֶעגְלֵייבְּט... "אַ גוּטְן שָׁאוּל, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילֶעךְ דִיר צוּ זֶען, וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס, דוּ הַאלְטְסְט נָאךְ אַלְץ בַּיי דַיינֶע 'גֶערֶעכְטֶע' טַעֲנוֹת קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?! וָואס אִיז מִיט דִיר מַיין טַייעֶרֶער חַבֶר - קוּק וִויפִיל דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן, וִוי שְׁטַארְק בִּיסְטוּ דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן, אוֹי אוֹי! דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז אִין אַזַא נִידְרִיגֶע מַצָּב, קֶען נָאר דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק דִיר הֶעלְפְן אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין נִידְרִיגֶער אָרְט, אוּן דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. קוּם נָאר אַהֶער, אוּן מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער צַדִיק הָאט דֶערְצֵיילְט וֶועגְן דֶער חָכָם אוּן דֶער תַּם".

מִיט וֵוייכֶע רֵייד, הָאט יַעְנְקִי אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט שָׁאוּל אִין בֵּית מֶדְרָשׁ, אוּן זֵיי הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּם, אִיבֶּער זַיינֶע פָּשׁוּטֶ'ע אוּן קְלֵיינֶע מַעֲשִׂים. טַייכְן זוּדִיגֶע טְרֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעגָאסְן פוּן שָׁאוּל, אָן קֵיין אוֹיפְהֶער. "אִיךְ וִויל אָנְפַאנְגֶען אַ נַייעֶ בְּלַאט! דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶערֶעכְט יַעְנְקִי. צוּצוּקוּמֶען צוּ דַיין תְּמִימוּת, אִיז פִּיל שְׁוֶוערֶער וִוי אַלֶע חָכְמוֹת אוֹיפְן וֶועלְט. אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶעס, אַן אֱמֶתֶ'ע חֲרָטָה.

שָׁאוּל הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט - אוּן מִיר טַייעֶרֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט אִים - וִוי טַייעֶר עֶס אִיז צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דֶער תַּם - זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע מַעֲשֶׂה, אָן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע. וַוייל "דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס... נוּ, אִיר וֵוייסְט שׁוֹין?... "דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה".

# חלות
# פאר מיינע לייט



חַייקִיל, דֶעם רֶבִּינְ'ס חַזָן, הָאט אֵיינְמָאל גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן: "דֶער רֶבִּי זָאל מִיר וַוייזְן אַ נִפְטָר, אַ מֶענְטְש וָואס לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט!",

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אָבֶּער דוּ וֶועסְט מוֹרָא הָאבְּן!",

חַייקְל עֶנְטְפֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזַא טִפֵּש, אַז אִיךְ זָאל מוֹרָא הָאבְּן!"

דֶער רֶבִּי זָאגְט נָאכְאַמָאל פַאר חַייקְל: "אָבֶּער דוּ וֶועסְט מוֹרָא הָאבְּן!" אַזוֹי הָאט אִים דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶע'חַזְר'ט דְרַיי מָאל.

אוּן חַייקְל הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס זַיינִיגֶע: "אִיךְ וֶועל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן".

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע גֶעוִויזְן אַ נְשָׁמָה פוּן אַ נִפְטָר, עֶס הָאט טַאקֶע גֶעכַאפְּט אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק פַאר ר' חַייקְל, אַז דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט עֶס זָאל אִים נִישְׁט שֶׁעדִיגְן דָאס פַּחַד.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: "אַזַא חָכָם וִוי דִיר קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְדְרֵייעֶן מִיט אַ דִמְיוֹן?"

אוּן אַזוֹי אִיז דָאס פַּחַד אַוֶועק פוּן ר' חַייקְל.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן ר' חַייקְל בֶּעט וִוידֶער פוּן רֶבִּי'ן עֶר זָאל אִים וַוייזְן אַ נִפְטָר. דֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע צוּגֶעזָאגְט צוּ וַוייזְן.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען פַאר חֲנוּכָּה. אִין דֶעם זֶעלְבְּן גַאס וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּעקֶער, וֶוען אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען גֶעזֶעצְן בַּיי סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה פְלֶעגְט זֵיי רוֹב מָאל פֶעלְן אַבִּיסְל חַלָּה, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיינְגֵיין צוּ דֶעם בֶּעקֶער, קוֹיפְן פוּן אִים אַבִּיסְל שִׁירַיִם וָואס אִיז פַארְבְּלִיבְּן פוּן שַׁבָּת, אַזֶעלְכֶע חַלוֹת וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְקוֹיפְן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעבַּאקְן אָדֶער אִיז עֶס גֶעוֶוען אַבִּיסְל צֶעבְּרָאכְן, פְלֶעגְן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ דָאס קוֹיפְן פַאר בִּילִיגֶער, אוּן דֶער בֶּעקֶער פְלֶעגְט צוּשְׁטִימֶען אוּן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי פְּרַייזְן.

פַאר חֲנוּכָּה אִיז דֶער בֶּעקֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן. אוּן דִי חֲנוּכָּה טֶעג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר ר' חַייקְל: "יֶעצְט וֶועסְטוּ זֶען אַ נִפְטָר".

ר' חַייקְל הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זֶעט דֶעם בֶּעקֶער - וָואס אִיז מַמָּשׁ יֶעצְט נִפְטָר גֶעוָוארְן - וִוי עֶר שְׁטֵייט גֶעבוֹיגְן מִיט הַכְנָעָה פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן בֶּעט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דַיינֶע לַייט, אוּן זֵיי פַארְקוֹיפְט בִּילִיגֶע בְּרוֹיט אוּן חַלוֹת פַאר סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה, בֶּעט אִיךְ אַייךְ רֶבִּי, גִיבּ מִיר אַ תִּיקוּן!!".

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַזוֹי וִוי דִי הָאסְט טַאקֶע גוּט גֶעמַאכְט פַאר מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, מַיינֶע מְקֹרָבִים, וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דַיין תִּיקוּן".

## טרעף אכט קליינע חילוקים צווישן די צוויי בילדער

און דער נפטר איז נעלם געוואָרן...

מען קען זיך לערנען פון די מעשה וואָספאַרא זכיה עס איז צו העלפן דעם רבי'נס לייט, אפילו דער בעקער האָט בסך הכל נאָר געגעבן ביליגערע פּרייזן פאַר אַלטע ברויט האָט אויך זוכה געווען צו באַקומען אַ תיקון פון רבי'ן, איז זיכער ווער עס העלפט דעם רבי'ן מיט זיינע לייט, אָדער איז מען מקורב צו רבי'ן, מען לערנט דעם רבי'נס ספרים און מען טוט זיינע עצות וויפיל מען קען, איז די זכיה אָן קיין סוף און אָן קיין ברעג, און דער רבי וועט זיכער געבן אַ תיקון לעולמי עד.

(פאַרציילט דורך רבי נפתלי כהן, דער שווער פון ר' אברהם ב"ר נחמן טולטשינער)






# אונטערוועגנס #19

## ביי רבי נתנ'ס נסיעות



אין קורצן פון פריער:

*רבי נתן ווײלט ביים רבי'ן איבער ראש השנה. ס'קומט מוצאי יום טוב און ער קען זיך נאכנישט געזעגענען. ער בלייבט אויף שבת שובה.*

אצינד לײנט ווייטער:

דער שבת איז אריבער איוף רבי נתן אין א דערהויבענע שטימונג ווען רבי נתן איז זוכה צו הערן געוואלדיגע הייליגע תורות פון רבי'ן. ס'קומט מוצאי שבת און רבי נתן דארף זיך שוין געזעגענען און אהיימפארן, אבער ער שפירט אז ער קען נישט. ווי איז מעגליך איבערצולאזן אזא רבי? קוים עטליכע וואכן וואס ער האט זיך באקענט מיטן רבי'ן און שוין האט ער באקומען צו אים אזא געוואלדיגע אהבה וואס איז נישט געווען מעגליך צו אפטיילן.

רבי נתן איז מחליט צו בלייבן אויף יום כיפור.

ווי איז דא די פענע אפצומאלן די פארכטיגע און דערהויבענע עבודה פון רבי'ן אין די הייליגסטע טאג פון יאר? א סלח לנו האט גאר עפעס אן אנדערע טעם ביים הייליגן רבי'נס חדר. רבי נתן איז אויסער זיך פאר התרגשות.

ס'קומט מוצאי יום כיפור און ווידער שפירט רבי נתן אז ער קען זיך נישט געזעגענען. דא וויל ער בלייבן. זאל עס זיין פאר א לענגערע תקופה, אבער אוועק פון דא וויל ער נישט גיין. עס גלוסט זיך אים צו געניסן וואס מער פון רבי'נס געוואלדיגע ליכטיגקייט.

רבי נתן האט אבער פארשטאנען אז ער האט שוין אזוי אויך איבערגעצויגן דאס שטריקל. ס'איז נישט ווי ער האט געהאט א טעלעפאן צו קלונגען אהיים איינצומעלדן וואו ער געפונט זיך און אז ער בלייבט דא ווײלן נאך אביסל. ער איז אנטרינען געווארן בשתיקה ערב שבת ווען ראש השנה איז אויסגעפאלן זונטאג, און זייט דעמאלט האט מען נישט געהערט פון אים. און ס'איז שוין אריבער זייט דעמאלט צוויי גאנצע וואכן! ער האט פארשטאנען אז נישט נאר וואס מען זארגט זיך אויף אים, נאר ס'איז

גאנץ מעגליך אז מען איז זייער בייז אויף זיין געוואגטע שריט.
ער מוז אהיימגיין.
צומארגנס נאך יום כיפור האט זיך רבי נתן געזעגנט פון רבי'ן און האט זיך אהיימגעקערט צוריק קיין נעמירוב. ניין, רבי נתן האט נישט באקומען קיין קבלת פנים מיט רויטע לעמפעלעך און פאקלען... אן אומבע'טעמ'ט קבלת פנים האט אים אפגעווארט.
זיין פאטער, וועלכער האט געהערט אז זיין זון איז געפארן צו א רבי אין ברסלב, איז ער זיכער געווען אז ס'איז בלויז אויף א שבת. וואס האט ער צו טון אין דער פרעמד איבער יום טוב? נעמירוב איז בלויז א שפאן אוועק פון ברסלב, וועט ער נאך האבן גענוג צייט דאס צו מאכן צוריק ביז צום זמן.
דאס האט אבער נישט פאסירט. די זמן פון ראש השנה איז אנגעקומען אבער רבי נתן איז נישט געווען צוריק. דער פאטער איז געווען זייער אומצופרידן פון דעם זונ'ס אויפפירונג. נישט גענוג וואס ער האט זיך לעצטנס אנגעקערט צו חסידישע רבי'ס, האט ער נאך יעצט איבערגעלאזט זיין פרוי אליין אויף איבער יום טוב. ס'איז אן אומדערהערטע זאך וואס מען דארף מסדר זיין.
און ווען רבי נתן האט זיך ענדליך צוריקגעקערט אהיים האט ער באקומען א פארציע וואס עס קומט אים... אויף פון זיין חשוב'ע אידענע האט ע באקומען א 'ווארימע' ברוך הבא... זי איז געווען זייער אומצופרידן אויף דעם וואס ער האט איר איבערגעלאזט אליין צו פירן די געשעפטן. זי פלעגט טאקע זיצן אליין אין געשעפט אבער רבי נתן פלעגט איר העלפן פירן די חשבונות און איינהאנדלען די סחורה.
עס מוז ארויסגעברענגט ווערן אז כאטש וואס דער פאטער, רבי נפתלי הירץ האט ארויסגעוויזן אומצופרידקייט פון רבי נתנ'ס התקשרות צו דעם נייעם חסידיש'ן רבי'ן, האט ער טיף אין הארצן פארשטאנען אז ער וועט אים נישט קענען אפהאלטן דערפון. ער האט גוט געקענט זיין טייערן זון, אלס א גאון וצדיק און א שטארקער מבקש צו דערגרונטעווען דעם אמת, וועמען מען קען נישט פארדרייען דעם קאפ מיט הוילע זאכן. ער איז נישט דער מענטש ואס וועט סתם אזוי פארכאפט ווערן ווען ער זעט עפעס נייעס, אפילו ווען עס האט מיט חסידות צוטון. דער פאטער האט פארשטאנען אז אויב רבי נתן איז געבליבן ביים רבי'ן אויף ראש השנה, איז דאס זיכער ווייל ער האט דארט געשפירט א ספעציעלן רוחניות'דיגן סיפוק, און דאס האט ער אנערקענט, אז אויב רבי נתן האט באשלאסן אז ביים רבי'ן אין ברסלב וועט ער ווארשיינליך קענען שטייגן אין עבודת השם, וועט ער אים נישט פארמיידן פון פארן צו אים.

# א גאנץ יאר פריילאך

לע"נ ר' קלונימוס קלמן בן ר' שבתי



הרה"ח ר' קלמן גאלדשמידט ז"ל איז באקאנט געווען מיט זיין אויסטערלישע שמחה דווקא אין זיינע שווערע טעג. ווען ער איז דיאגנאזירט געווארן מיט די ביטערע מחלה. מען האט אים געגעבן דריי טעג צום לעבן און ער האט געלעבט כמעט דריי יאר - און נישט סתם געלעבט נאר איז אויפגעלעבט געווארן און אויפגעלעבט אנדערע...

די פאלגנדע שמועס האט מען אפגעהאלטן מיט אים א קורצע צייט איידער ער איז נפטר געווארן.

"וואס זענט איר אזוי פריילך, ר' קלמן?" פרעגן אים די ארומיגע.

"ווייל איך בין א איד! דאס איז נישט גענוג?!" ענטפערט ער מיט אן אויסגעשפרייטן שמייכל.

פאר אסאך געזונטע אידן איז עס נישט גענוג, אבער ר' קלמן גאלדשמידט טענה'ט אז א קראנקער איד קען אויך זיין פריילך, און אט די שמחה מאכט אים געזונט!

ר' קלמן, א דורכגעווייקטער חסיד'ישער איד מיט'ן ברסלב'ער ברען, האט זיך אנגעהויבן פילן עפעס שוואך, דער מאגן נישט אין ארדנונג. ער איז געגאנגען צום דאקטער וואו ער איז דורכגעגאנגען א רייע אונטערזוכונגען.

צומארגן האט ר' קלמן זיך אריבערגעכאפט קיין טבריה זיך משתטח צו זיין אויפ'ן ציון הקדוש פון רבי נחמן הארעדענקער זצ"ל, וואו ער איז אן אפטער באזוכער. דארט האט ער אויסגעגאסן אלע דאגות וואס זענען געווען אנגעלייגט אויף זיין הארץ, און ער איז ארויס דערפרישט און פארלייכטערט.

יענעם טאג האט ער באקומען צוויי בשורות - יא, אזוי ווי אין די וויצן פון "גוטע נייעס/ שלעכטע נייעס".

די בשורה טובה איז געקומען נאך שטייענדיג ביים ציון, אונטער די תמוז'דיגע זון שטראלן אין טבריה. "מזל טוב!" האט א מונטערער ר' קלמן געוואונטשן זיין טאכטער וואס האט אים נארוואס געבוירן אן אייניקל.

שפעטער נאכמיטאג, ווען זיין הארץ איז נאך געווען ווארעם פון דער שמחה, איז געקומען די צווייטע בשורה, זיצנדיג קעגן דאקטער

אין שפיטאל.

"הער גאלדשמידט?" פרעגט יענער מיט א פראפעסיאנעלע רואיגקייט. "עה... ס'איז אזוי. אייערע טעסטן זענען צוריקגעקומען. ס'איז נישט גוט. איר האט א פארגעשריטענער פאל פון קענסער אין מאגן."

שטיל.

"הער גאלדשמידט, איר הערט?"

קיינער זוכט זיך נישט צו שפילן א ראלע אין אזא סענזאציע, אבער דער דאקטער מוז אויספירן זיין ארבעט. "כבוד הרב," לייגט ער צו פארזיכטיג. "מיר פארמאגן נאכנישט די מיטלען זיך צו שלאגן מיט אזא פארשפרייטע מחלה. אין קורצע טעג קענט איר זיך גרייטן צו א לאנגן וועג..."

"הא-הא-הא!"

דאס געלעכטער דערשרעקט דעם דאקטאר. ער האט שוין ליידער צופיל מאל געדארפט איבערגעבן ענליכע בשורות, אבער אזא רעאקציע האט ער נאך קיינמאל נישט בייגעוואוינט. אפשר איז דער פאציענט אזוי שאקירט געווארן אז ס'האט אים חלילה בארירט...? "הער גאלדשמידט," פרואווט ער אים צוריקצוברענגען צום ביטערן מציאות. "דאס איז נישט קיין וויץ. איר זענט באמת קראנק!"

צוויי וואכן אריכות ימים

צוויי וואכן נאך זיין פאטאלער דיאגנאזע, ווען דאקטוירים האבן געזאגט אז אויב ער וועט דערלעבן דעם טאג וועט עס הייסן אריכות ימים, איז ר' קלמן גערופן געווארן קיין בית שמש צו פייערן זיין נצחון און מחזק זיין די צוהערער.

רעדנדיג אין דער געפאקטער שול, האט ר' קלמן געבעטן דעם עולם נדבות פון שמחה. די צוהערער האבן געגעבן ברייטהארציגע באשטייערונגען און דער "שמייכל באנק" איז פול געווארן ביז איבער די ברעגן.

דער ציבור האט געוויינט פאר רחמנות און געלאכט מיט ר' קלמן'ס געלעכטער... מענטשן האבן זיך געשושקעט: "אדער איז ער 'נישט-ביי-זיך', אדער איז ער א מלאך. דא שטייט א איד וואס האט באקומען א טויט אורטייל און ער לאכט!"

צווישן אנדערן האט ר' קלמן נאכגעזאגט א שיין ווארט פון רבי'ן: "ס'איז דא אמאל ווען מענטשן זענען פרייליך און זיי טאנצן, און די טאנצערס שלעפן אריין אין ראד דעם עצבות'דיגן צוקוקער און מען צווינגט אים צו זיין פרייליך. אזוי איז ווען א מענטש איז פרייליך און די יסורים און מרה שחורה שטייען אין זייט. אבער נאך בעסער איז ווען מען לויפט נאך די מרה שחורה אליין, איר אריינצוברענגען אין ראד, כדי צו פארוואנדלען די יסורים אין שמחה."

ר' קלמן האט דאן אנגעכאפט זיינע געשוואלענע קישקעס צוזאמען מיט'ן געוואוקס דערין און זיך געשטעלט טאנצן...

און יענער ערשטער געלעכטער האט זיך געצויגן כמעט דריי יאר. אינצווישן האט ר' קלמן אנטייל-גענומען אין צענדליגער

שמחות פון די אייניקלעך ביי זיינע צען קינדער, בלעה"ר.

כלל ישראל האט זיך אבער גארנישט אויסגעלאכט פון דער ביטערער בשורה. מען האט ארומגעשיקט זיין נאמען וואו נאר אידן זענען מתפלל אויף דער וועלט. אויף אים האט מען פארפאסט דאס התרגשות'דיגע ליד, "אתיתי לחננך... לבקש רחמים כעני בפתח... מיר קלאפן אויף דיין טיר ווי אן ארעמאן בעטן ביי דיר רחמנות..." און די תפילות האבן אים צוגעגעבן עטליכע יאר צום לעבן.

די ערשטע וואך נאכ'ן דיאגנאזירט ווערן האט ר' קלמן געגרינדעט א "שמייכל באנק", אפעלירנדיג צום עולם: "גיב א שמייכל מיך צו היילן און דו וועסט ווערן געהיילט!"

דער עולם האט זיך ווארעם אנגערופן. דער אפיל האט אריינגעברענגט אין באנק שמייכלעך אין די טויזנטער אלס זכות פאר זיין רפואה. דאס איז זיין באהאנדלונג: אריינשיינען אין יעדן שמחה. ער גייט ארום מיט אן אמת'ן שמייכל אויף די ליפן, ער לאכט און מאכט אנדערע לאכן. ער טענה'ט אז די פראצענטן פון באנק פארדינט מען שוין אויף דער וועלט, והקרן קיימת לעולם הבא.

ר' קלמן האט געלאכט דעם מלאך המוות אין פנים ווייל ער ווייסט ווער עס איז זיין בעל הבית. א וואך פאר חנוכה האט ער אנגעהויבן שפירן עפעס אן אומבאקוועמליכקייט.

דער פוס איז אים געווארן געשוואלן, דער קערפער אויפגעבלאזן און שווער. געציילטע טעג שפעטער האט ער שוין געשפירט יסורים ביי די נירן. זיין זון האט אים געוואלט נעמען אין שפיטאל, אבער ער האט געוואלט ווארטן ביז אויפצומארגנס. צום סוף האט ער זיך אונטערגעגעבן, וואס איז געווען די ערשטע פון א רייע ניסים.

"ווען אירווארט נאך א טאג, וואלט אייער וועג נישט געפירט צום שפיטאל נאר גאר ערגעץ אנדערש," האט דער דאקטער באהויפטעט.ביידע נירן זענען געווען טויט. "איר דארפט גרויס רחמי שמים דאס איבערצולעבן, און דאס אויך נאר מיט דיאליז אויפ'ן גאנצן לעבן," האט דער דאקטער געמאלדן מיט מיטלייד.

אומר ועושה. מען האט אים אריינגעפירט אין אפעראציע צימער און צוגעטשעפעט די רויטע און בלויע רערן, ארויסצופירן די אומריינע בלוט פון קערפער און צוריקפירן די ריינע. די משפחה האט אלארמירט אחינו בני ישראל צו זאגן אשר יצר בכוונה און מתפלל זיין פאר קלונימוס קלמן בן רחל. כלל ישראל האט אנגענומען דעם רוף מיט די פולע ערנסטקייט. אידן פון איבער דער וועלט האבן זיך צאמגענומען מיט תפילה לטובת ר' קלמן און מקבל געווען מתקן צו זיין דעם אשר יצר. טויזנט קינדער בלעה"ר האבן געזאגט צוזאמען אשר יצר בכוונה מעורר צו זיין רחמי שמים.

ארויסקומענדיג פון אפעראציע צימער האבן

די דאקטוירים אים אונטערזוכט. זיינע נירן האבן געארבעט!

"א צופאל," האט דער דאקטער אוועקגעמאכט דעם אומגלויבליכן געפינס.

דאנערשטאג האט ער באקומען זיין ערשטע דיאליז באהאנדלונג, פרייטאג די צווייטע. מוצאי שבת האט דער דאקטער געזאגט אז עס פעלט נישט אויס צו מאכן היינט דיאליז, מען קען עס אפשטופן אויף מארגן. זונטאג צופרי איז דער דאקטער געקומען אים אונטערזוכן פאר'ן שיקן צו דיאליז. ווען ער האט געזען די רעזולטאטן, איז דער דאקטער איבערגענומען געווארן פון איבערראשונג. "הרב גאלדשמידט, איך האט די וואך דורכגעלעבט אן אומגעווענליכער נס! אייערע נירן ארבעטן פיין. איך קענט גיין פון דא לחיים טובים ולשלום, נאר פארגעסט נישט איבערצולאזן די דיאליז דערן!"

דעם ערשטן טאג חנוכה זענען אלע געשטאנען באגייסטערט ארום דער מנורה, ווען ר' קלמן איז צוגעגאנגען צו ליכט צינדן. ביים מאכן די ברכות איז ער שיער ארויסגעשפרונגען פון דער הויט פון גרויס התרגשות און הכרת הטוב. "שעשה נסים לאבותינו" - ביי אים האט פאסירט דער נס חנוכה! "שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה" - אין בוכשטעבליכן זין פון ווארט!



ר' קלמן די ערשטע טאג חנוכה נאכן אהיימקומען פון שפיטאל

## גְראַמְען אוֹיפְן בְּרֶסְלֶבֶ'ע נִיגוּן מָעוֹז צוּר

(שְׁנֶעלֶע)



1 בַּיי דִי לֶעכְט, אַלֶע נֶעכְט
אַפָּאר מִינוּט אִיךְ גִיבּ אַוֶועק
צוּ דַאנְקְען גָאט, אוֹיף וָואס עֶר הָאט
גֶעשֶׁענְקְט מִיר אָן קַיין עֶק
מַתָּנוֹת עַד אֵין סוֹף

2 אַזוֹיפִיל גוּטְס אָן אַ צָאל
אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל
מִיט יֶעדְן טוֹב
וָואס אִיךְ הָאבּ לָרוֹב
שַׁאף אִיךְ נַחַת פַאר דִי פָאְרט
בַּיים כִּסֵא הַכָּבוֹד דָארְט

1 דִיר צוּ דַאנְקְן אוּן צוּ לוֹיבְּן
לְהוֹדוֹת, וּלְהַלֵּל
הָאסְט מִיר דֶערְהוֹיבְּן,
אִיךְ טוּ גְלוֹיבְּן,
אַז אַלְס אִיז נָאר פוּן דִיר
מַתָּנוֹת אָן אַ שִׁיעוּר

2 סְפֶּעצִיעֶל אַ גְרוֹיסְן שְׁבַח
אַז אִיךְ וֵוייס פוּן רֶבִּי'נְס זַאךְ
בַּאקוּמֶען דָאךְ
דֶעם שֶׁמֶן זָךְ
מִיט אַ פְלַאם
אַלֶע צוּזַאם
וֶועלְן מִיר אַ טֶענְצְל גֵיין... מָעוֹז צוּר יְשׁוּעָתִי ...

דֶערְוַוייל אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער 'טַייְוול' [שֵׁד] הָאט נָאךְ אַייךְ גֶעשִׁיקְט"!

אִיז דֶער 'תַּם' זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן! – אוּן אִיז גֶעלָאפְן, אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין 'וַוייבּ' מִיט 'גְרוֹיס פַּחַד': "בַּאֲשֶׁר [אַז] דֶער 'טַייְוול' הָאט נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט"!

הָאט זִי אִים אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן: "אַז עֶר זָאל שִׁיקְן נָאךְ דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'"! הָאט עֶר נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט!

אִיז דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' גֶעקוּמֶען – אוּן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן 'קַמֵיעוֹת' אוּן 'שְׁמִירוֹת'! – אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז [פוּן] הַיינְט, וֶועט עֶר זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְן"! הָאט עֶר דֶערִינֶען גֶעהַאט גְרוֹיס 'אֱמוּנָה'!

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעזֶעצְן אִינְאֵיינֶעם, דֶער 'תַּם' מִיט דֶער 'חָכָם'! – פְרֶעגְט אִים דֶער חָכָם': "וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקְן"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיבֶּער דֶעם 'טַייְוול' וָואס עֶר הָאט נָאךְ אוּנְז גֶעשִׁיקְט"!

הָאט דֶער 'חָכָם' אוֹיס אִים גֶעלַאכְט [אוֹיסְגֶעלַאכְט], אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִים: "דוּ גְלֵייבְּסְט, אַז סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'טַייְוול'"?!

פְרֶעגְט אִים דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער': "וֶוער זֶע דֶען הָאט נָאךְ אוּנְז גֶעשִׁיקְט"?!

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער 'חָכָם': "אָט דָאס אִיז בְּוַודְאַי פוּן מַיין 'בְּרוּדֶער'! – עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אַז עֶר זָאל זִיךְ מִיט מִיר זֶעהְן, הָאט עֶר עֶס אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט [אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט], אוּן הָאט נָאךְ מִיר גֶעשִׁיקְט מִיט דֶעם אָנְשְׁטֶעל"!

פְרֶעגְט אִים דֶער 'תַּם': "אַז סְ'אִיז יָא אַזוֹי, וְוִיאַזוֹי אִיז עֶר אַרִיבֶּער, אִיבֶּער אַלֶע 'וַוארְטֶעס' [וֶועכְטֶערְס]"?! – עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: "עֶר הָאט זֵיי בְּוַודְאַי מְשַׁחֵד גֶעוֶוען, אוּן זֵיי זָאגְן אִין מִיסְטְנֶע [בְּכַוָּונָה] אַ לִיגְנְט, אַז זֵיי הָאבְּן אִים גָארְנִישְׁט [בִּכְלַל נִישְׁט] גֶעזֶעהְן"!

דֶערְוַוייל קוּמְט ווִידֶער אֵיינֶער, אוּן זָאגְט ווִידֶער אַזוֹי [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – אַז]: "דֶער טַייְוול הָאט נָאךְ אַייךְ גֶעשִׁיקְט"!

אוּן דֶער 'תַּם' הָאט זִיךְ אִיצְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעשְׁרָאקְן, אוּן עֶר הָאט קַיין שׁוּם פַּחַד שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דִי 'שְׁמִירוֹת' וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען בַּיים 'בַּעַל־שֵׁם'!

רוּפְט עֶר זִיךְ אָן (דְהַיְינוּ: דֶער 'תַּם') אוּן זָאגְט צוּם 'חָכָם': "נָא הַיינְט, וָואס זָאגְסְטוּ"?!

עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: "אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן! אִיךְ הָאבּ אַ 'בְּרוּדֶער' וָואס עֶר אִיז אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז, הָאט עֶר עֶס גֶעמַאכְט דֶעם אָנְשְׁטֶעל, כְּדֵי עֶר זָאל מִיךְ אִיבֶּערְשְׁרֶעקְן"!

אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ זֵיי: "וָואסְפַארַא 'פָּנִים' הָאט דֶער דָאזִיגֶער וָואס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אוּנְז? – וָואסְפַארַא 'פַארְבּ' הָאבְּן זַיינֶע 'הָאר' וְכוּ'? – אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַזוֹי אוּן אַזוֹי"!

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער 'חָכָם' אוּן זָאגְט: "זֶעה! אָט דָאס אִיז דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן מַיין 'בְּרוּדֶער'"! זָאגְט אִים דֶער 'תַּם': "וֶועסְטוּ זֶע גֵיין מִיט זֵיי"?!

עֶנְטְפֶערְט עֶר: "יָא! אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט זֵיי! נָאר דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן עֶטְלִיכֶע 'זֶעלְנֶער' אוֹיף אַ 'זַאלַאגָא' [וֶועכְטֶערְס צוּ בַּאגְלֵייטְן], כְּדֵי מֶען זָאל מִיר קַיין 'יִסוּרִים' נִישְׁט אָנְטָאן"! הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ 'זַאלַאגָא'!

זֶענֶען דִי 'צְוֵויי חֲכָמִים' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ זֵיי! (דְהַיְינוּ: מִיט דֶעם 'טַייְוּל' – וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דֶער 'טַייְוּל', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

הָאבְּן זִיךְ דִי 'זֶעלְנֶער' פוּן דֶער 'זַאלַאגָא' אוּמְגֶעקֶערְט!

פְּרֶעגְט זֵיי דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער': "וואוּ זֶענֶען דִי 'חֲכָמִים'"?! – הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וואוּ זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען"!

אוּן 'דֶער' (דְהַיְינוּ: דֶער 'שְׁלִיחַ' פוּן דֶעם 'טַייְוּל'), הָאט גֶעכַאפְּט דִי 'חֲכָמִים', אוּן הָאט זֵיי אַרַיינְגֶעטְרָאגְן אִין אַ 'בְּלָאטֶע' אַרַיין מִיט אַ 'לֵיים'! – אוּן דָארְטְן אִיז גֶעזֶעצְן דֶער 'טַייְוּל' אוֹיף אַ 'שְׁטוּהְל', אִין דֶער 'בְּלָאטֶע'! – אוּן דִי 'בְּלָאטֶע' אִיז גֶעוֶוען גְרָאבּ אוּן גֶעדִיכְט אַזוֹי־וִוי אַ 'קְלֵייעֶ' [קְלֶעבּ] פוּנְקְט! אוּן דִי 'חֲכָמִים', הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן אִין דֶער 'בְּלָאטֶע'!

אוּן דִי 'חֲכָמִים' הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן [צוּם 'טַייְוּל' מִיט 'זַיינֶע לַייט' וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעפַּיינִיגְט]: "'רְשָׁעִים'! פַארְוָואס טוּט אִיר אוּנְז אָן 'יִסוּרִים'? אִיז דֶען דָא אַ 'טַייְוּל' אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיר זֶענְט 'רְשָׁעִים'! אִיר טוּט אוּנְז אָן 'יִסוּרִים' אוּמְזִיסְט"!

(וָוארְן דִי 'חֲכָמִים' הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן, אַז סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'טַייְוּל'! – נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז מֶענְטְשְׁן 'רְשָׁעִים', טוּעֶן זֵיי אָן 'יִסוּרִים' אוּמְזִיסְט"!).

זֶענֶען גֶעלֶעגְן דִי צְוֵויי 'חֲכָמִים' אִין דֶער 'גֶעדִיכְטֶער בְּלָאטֶע', אוּן הָאבְּן גֶעקְלֶערְט: "וָואס אִיז דָאס?! דָאס אִיז אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט, נָאר [אַז] דִי 'הוּלְטֵייעֶס' [לֵיידִיגֶע פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן] וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אַמָאל מִיט זֵיי גֶעקְרִיגְט, טוּעֶן זֵיי אוּנְז אָן הַיינְט אַזוֹינֶע 'יִסוּרִים'"!

זֶענֶען דִי 'חֲכָמִים' דָארְט גֶעלֶעגְן אִין דֶער 'בְּלָאטֶע' כַּמָה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן]! – אוּן מְ'הָאט זֵיי דָארְט אָנְגֶעטָאן 'וִוילְדֶע יִסוּרִים', מִיט 'וִוילְדֶע עִינוּיִים' [פַּיינִיגוּנְג]!

אַמָאל אִיז דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער', פִירְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] פַאר דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'! – הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין זַיין 'חַבֵר' אִין דֶעם 'חָכָם'! אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'בַּעַל־שֵׁם', אוּן הָאט זִיךְ צוּ אִים גֶענֵייגְט [צוּגֶעבּוֹיגְן] אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז [פוּן דִי שָׂרִים] – אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אוֹיבּ סְ'אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן דֶעם 'חָכָם'?! – אוּן אוֹיבּ עֶר קֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען"?!

אוּן דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער' הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'בַּעַל־שֵׁם': "גֶעדֶענְקְט אִיר דֶעם 'חָכָם' וָואס דֶער 'טַייְוּל' הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אִים, אוּן הָאט אִים אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן – אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאבּ אִיךְ אִים נִישְׁט גֶעזֶעהְן"?! הָאט אִים דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא אִיךְ גֶעדֶענְק"!

הָאט אִים דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער' גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן דָאס אָרְט

וואו דֶער 'חָכָם' אִיז! [עֶר] אוּן זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דָארְט"!

הָאט אִים דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען בְּוַודַאי דִיר וַוייזְן זַיין אָרְט, אוּן קֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען! – נָאר סְ'זָאל מֶער [קֵיינֶער] נִישְׁט גֵיין, נָאר אִיךְ אוּן דוּ"! זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע גֶעגַאנְגֶען!

הָאט דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' גֶעטָאן וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט! – זֶענֶען זֵיי אַהִינְגֶעקוּמֶען! הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: וִוי זֵיי לִיגְן דָארְט, אִין דֶער גֶעדֶעכְטֶער 'בְּלָאטֶע' אוּן 'לֵיים'!

וִוי דֶער 'חָכָם' הָאט דֶערְזֶעהְן דֶעם 'תַּם' דֶעם 'מִינִיסְטֶער', הָאט עֶר צוּ אִים גֶעשְׁרִיגְן: "בְּרוּדֶער! זֶעה זֵיי שְׁלָאגְן מִיךְ, אוּן דִי 'הוּלְטֵייעֶס' [לֵיידִיגֶע פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן] פַּיינִיגְן מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוּמְזִיסְט"!

הָאט אוֹיף אִים דֶער 'מִינִיסְטֶער' אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטָאן: "נָאךְ [אַלְץ] הַאלְסְטוּ זִיךְ אִין דַיינֶע 'חָכְמוֹת', אוּן וִוילְסְט נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן דוּ זָאגְסְט אַז דָאס אִיז 'מֶענְטְשְׁן'?!

אָט הַיינְט זֶעה: אָט דָאס אִיז דֶער 'בַּעַל־שֵׁם', וָואס דוּ הָאסְט אִין אִים גֶעלֵייקְנְט! – וֶועט מֶען דִיר וַוייזְן: אַז דַיְיקָא [דַוְוקָא] נָאר עֶר, קֶען אַייךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען (אוּן עֶר וֶועט אַייךְ וַוייזְן דֶעם אֱמֶת)"!

הָאט דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער' גֶעבֶּעטְן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם': "אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן זָאל זֵיי וַוייזְן אַז דָאס אִיז אַ 'טַיְיווֹל', אוּן סְ'אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן"! הָאט דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' גֶעטָאן וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן!

זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוֹיף דֶער 'יַבָּשָׁה' (דְהַיְינוּ: אוֹיף דֶער טְרִיקֶענִישׁ)! אוּן סֶע [סְ'אִיז] דָארְט גָאר קַיין 'בְּלָאטֶע' נִישְׁט גֶעוֶוען! – אוּן דִי 'מַזִיקִים' זֶענֶען גֶעוָוארְן עַפְרָא בְּעַלְמָא (דְהַיְינוּ: זֵיי זֶענֶען גָאר 'עֶרְד' גֶעוָוארְן)!

דֶעמָאלְט הָאט הֶערְשְׁט דֶער 'חָכָם' דֶערְזֶעהְן דֶעם 'אֱמֶת'! – אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אוֹיף אַלֶעמֶען [אַלֶעס]: "אַז סְ'אִיז יָא דָא אַ 'מֶלֶךְ'! אוּן סְ'אִיז יָא דָא אַ אֱמֶתֶע'ר 'בַּעַל־שֵׁם' וְכוּ'"!

אוֹיף דֶער [דָאזִיגֶער] 'מַעֲשֶׂה' [פוּן דֶער 'חָכָם' אוּן דֶער 'תַּם'] – אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי 'תּוֹרָה' (לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, תּוֹרָה יט) וָואס זִי שְׁמוּעֶסְט פוּן 'תְּמִימוּת': "אַז דֶער עִיקָר 'אִידִישְׁקֵייט', אִיז נִישְׁט קַיין 'חָכְמוֹת', נָאר 'תְּמִימוּת' אוּן 'פְּשִׁיטוּת' וְכוּ'"! (נָאכְדֶעם אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי 'מַעֲשֶׂה' – הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן): "אוּן אַז דָאס דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי־וִוי מְ'דַארְף – אִיז עֶס אַ 'שִׁיכֶעלֶע' מִיט דְרֵיי עֶקְן"! פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס מְ'דֶערְצֵיילְט:

וִויאַזוֹי מְ'קֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי וֶועלְט, מִיט 'בְּרוֹיט', אוּן מִיט 'וַואסֶער', אוּן מִיט אַ 'פֶּעלְץ'! – אוּן מְ'זָאל אַ בֶּעסֶער לֶעבְּן הָאבְּן, אוּן אַ פְרֵיילֶעכֶער לֶעבְּן, אֵיידֶער דֶער גְרֶעסְטֶער 'חָכָם' אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער 'עוֹשֶׁר'! – אַזוֹי־וִוי מִיר זֶעהְן: "אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט 'יִסוּרִים' תָּמִיד"! אוּן צוּם סוֹף אִיז זִיךְ אַוַודַאי נָאר גוּט דֶעם 'תַּם', וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּגְן גֶעלָאזְט [בַּאגְנוּגְנְט] מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן אִיז תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען.

אוּן דֶער וָואס וִויל זַיין אַ 'חָכָם', אוּן טְרַאכְט פִיל אִיבֶּער – וֶוערְט עֶר פַארְשְׁוַוארְצְט, פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בִּיז אִין אוֹיסְלָאז, אוּן אִיז פוּל מִיט 'יִסוּרִים' תָּמִיד, אוּן עֶר הָאט קַיינְמָאל קַיין לֶעבְּן נִישְׁט – אוּן צוּם סוֹף וֶוערְט עֶר פַארְלוֹירְן! – בִּיז דֶער 'תַּם' מוּז אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן זָאל אִים הֶעלְפְן! חוּץ דֶעם, אִיז נָאךְ דָא אִין דֶער 'מַעֲשֶׂה', זֵייעֶר גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת' – וָוארְן דִי אַלֶע 'מַעֲשִׂיּוֹת', זֶענֶען דוּרְךְ [לוֹיטֶער] גְרוֹיסֶע 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'.

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (8)

**א. ווער האט געשיקט רופן דעם חכם מיטן תם?**

- ❑ דער מלך.
- ❑ דער בעל שם.
- ❑ דער טייוול (דער נישט גוטער).

**ב. וואס האט דער בעל שם געגעבן פארן תם, און וואס האט ער אים געזאגט ?**

- ❑ ער האט אים געגעבן א טייערער ספר, און האט אים געזאגט, ער זאל לערנען אין דעם.
- ❑ ער האט אים געגעבן קמיעות און שמירות, און האט אים געזאגט אז היינט וועט ער זיך שוין גאר נישט שרעקן .
- ❑ ער האט אים געגעבן געלט און האט אים געזאגט ער זאל לייגן אין צדקה וועט ער זיך נישט שרעקן.

**ג. וואס האט דער חכם געזאגט פארן תם, ווער איז דער וואס האט געשיקט רופן נאך זיי?**

- ❑ דאס איז בוודאי דער טייוול
- ❑ דאס איז בוודאי א שליח פונעם קעניג.
- ❑ דאס איז בוודאי מיין ברודער.

**ד. פארוואס האט שוין דער תם נישט מורא געהאט דעם צווייטן מאל וואס דער טייויל האט געשיקט רופן נאך זיי?**

- ❑ ווייל דאס ערשטע מאל האט גארנישט פַּאסִירט.
- ❑ ווייל דער חכם האט געזאגט אז מען דארף נישט מורא צו האבן
- ❑ ווייל ער האט גענומען א שמירה פונעם בעל שם.

**ה. וואס האבן די חכמים געשריגן פון די בלאטע?**

- ❑ אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ❑ זיי ווילן תשובה טאן.
- ❑ רשעים פארוואס טוט איר אונז אן יסורים.

**ו. וואס האט זיך דער תם דערמאנט ווען ער איז אריבער געגאנגען פאר די שטוב פון דער בעל שם?**

- ❑ אז עס איז דא א צדיק אויף דער וועלט.
- ❑ אז אמאל פלעגט ער מאכן שיך מיט דריי עקן.
- ❑ אין זיין חבר דער חכם.

**ז. וואס האט דער תם געבעטן פון דער בעל שם?**

- ❑ אויב ער קען אים ווייזן דעם חכם.
- ❑ אויב ער קען ארויס נעמען דעם חכם.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. ביים סוף האבן די חכמים מודה געווען אז עס איז דא א מלך און א צדיק אויף דער וועלט ?**

- ❑ ניין.
- ❑ יא.
- ❑ זיי האבן געמוזט מודה זיין.

**ט. וואס לערנסטו זיך דערווייל פון די מעשה?**

- ❑ אז מען דארף בעטן פאר השי"ת צו זוכה זיין, צו זיין א תם.
- ❑ אז עס איז שווער פארן חכם צו זיין א תם.
- ❑ ________________________________.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ איינמאל
- ❑ צווייטאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

### וואספארא תורה האט דער רבי געזאגט אויף די מעשה ?

### תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (7)

וואו זעט מען ביי די מעשה אז דער תם האט רחמנות געהאט אויפן חכם? וַוייל דֶער תַּם.. הָאט אִים גִיקֶענְט פוּן לַאנְג.. הָאט עֶר אִים גִיהֵייסְן גִיבְּן קְלֵיידֶער

און וואו זעט מען ביי די פריערדיגע וואבן אז דער חכם האט רחמנות געהאט אויפן תם ? מַחְמַת דִי אַהֲבָה פוּן דֶער יוּגְנְט... הָאט עֶר אִים מְקַרֵב גִיוֶוען.

וואס איז אנדערש פון וואס דער גאר קעך האט געטון פאר די חכמים הָאט זֵיי דֶער גָאר קֶעכֶער אָנְגִישְׁרִיגְן.. הָאט זֵיי גִישְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק. אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט פוּן זַיין שְׁטוּב.

צו וואס דער פקיד האט זיי געטון ? הָאט זֵיי דֶער פָּקִיד אוֹיף גִיהַרְגֶעט גִישְׁלָאגְן. אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט.

**דער געווינער אויף חכם ותם #7 איז נאכאמאל דער געווינער**
**הילד החשוב אהרן קיפניס, בית שמש**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אַ שַׁיין פוּן הָאפֶענוּנְג




בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער חָכָם אוּן תַּם, זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע חִילוּקִים צְוִוישְׁן זֵיי. דֶער חָכָם אִיז גֶעפַאלְן פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן גֶעוָוארְן אַ פּוּסְטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶר, דַאגֶעגְן זַיין חַבֶר דֶער תַּם הָאט גֶעשְׁטִיגְן, מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעמֶען גֶעבְּלִיבְּן מִיט זַיין שִׂמְחָה אוּן תְּמִימוּת.

צְוֵויי יָאר זֶענֶען פַארְבַּיי.

שָׁאוּל אוּן יַעְנְקִי, זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעגַאנְגֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען. אֵיינֶער אִין זַיין שְׁטָאט, אוּן דֶער צְוֵויטֶער אִין זַיין גֶעגְנְט. שָׁאוּל, וֶועלְכֶער הָאט אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ פִּיסְק אוֹיף שְׁרוֹיפְן, מִיט טַעֲנוֹת אִיבֶּער אַלֶעס אוּן אַלֶעמֶען, הָאט קוֹים, נָאכְן זִיךְ פִּיל אַיינְבֶּעטְן אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוַואכֶע יְשִׁיבוֹת - אוֹיךְ נָאר צוּלִיבּ רַחֲמָנוּת. יַעְנְקִי, וָואס זַיין נָאמֶען הָאט גֶע'שֶׁמְ'ט אַלְס אַ גְלַייכֶער אוּן עֶרְלִיכֶע בָּחוּר, אַ מַתְמִיד וָואס זִיצְט אוּן הַאקְט שְׁטִיקֶער, לֶערְנֶענְדִיג שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת מִיט אַ פְּשׁוּטֶ'ע אוּן גְלַייכֶער הֲבָנָה, הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אִין אֵיינֶע פוּן דִי בֶּעסְטֶע יְרוּשָׁלַיִם'עֶר יְשִׁיבוֹת.

טַאקֶע צוּלִיבּ זַיין חָכְמָה, אִיז שָׁאוּל גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן. מִיט זַיין גֶערִיבְּן שֵׂכֶל, הָאט עֶר גוּט גֶעוואוּסְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז אִין אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע צוּשְׁטַאנְד. עֶר הָאט אָבֶער גֶעמֵיינְט אוּן זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַיינְצוּרֶעדְן, אַז דִי שׁוּלְדִיגֶע אִין דֶעם זֶענֶען נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע וִוי דִי מְלַמְּדִים, מַשְׁגִּיחִים, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטַאבּ פוּן מְחַנְּכִים, וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ אִים אוּן אִיגְנָארִירְט זַיינֶע שִׁיטוֹת אוּן דֵעוֹת. "זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג, אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת אַ גֶעלוּנְגֶענֶער בָּחוּר!" בֵּין הַסְּדָרִים אוּן צְוִוישְׁן אֵיין סוּגְיָא אוּן דִי אַנְדֶערֶע הָאט עֶר אַלֶעס אָנְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי 'טָעוּתִים וָואס מֶען מַאכְט הַיינְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים'...

זַייעֶנְדִיג אַזוֹי פַארְטִיפְט אִין זַיינֶע טַעֲנוֹת, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעכַאפְּט וִוי עֶר פַאלְט אַרוֹיס. דִי צַייט אִיז גֶעלָאפְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעפוּנֶען טִיף אִין שִׁיעוּר ב' וֶוען עֶר קֶען נָאךְ נִישְׁט רִיכְטִיג קֵיין אֵיין בְּלַאט גְּמָרָא אוֹיסְנֶווייְנִיג. צוּזַאמֶען מִיט דֶעם, הָאט זִיךְ זַיין חֵשֶׁק אִין לֶערְנֶען אוֹיסְגֶעטְרוּקְנְט, זַיין מְסוּדָר'דִיגֶע הֶעפְט אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶעקַאטְשְׁקֶעט מִיט נַארִישֶׁע קַאטְשְׁקֶערַייעֶן, אוּן אַלֶע זַיינֶע אַלְטֶע שְׁאִיפוֹת אוּן חֲלוֹמוֹת זֶענֶען זִיךְ שׁוֹין לַאנְג צוּגַאנְגֶען וִוי אַ זֵייפְן בְּלָאז. אַזוֹי אַז אוֹיסֶער וֵוייְנֶען אִיז אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן וָואס צוּ טוּן.

גֶעוֶוען אִיז עֶס אִין אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע לֵיל-שִׁשִּׁי. יַעְנְקִי שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַהֵיים, חַזְרְ'נְדִיג בְּלֶעטֶער גְּמָרָא

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **גד אייזלער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב לזכות הרך הנולד
הברית יתקיים בעז"ה ביום השבת קודש

המשך אויף זייט 3